STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01562

FUN KIDRON-TOL

Rikudah Potash

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רקודה פאטאש

רקודה פאָטאַש

פון קדרון־טאָל

לידער

מיט גרויסן דאנק
דעם חשובן רעדאקטאר
[illegible]
[illegible]

[illegible]

13.9.53

לאָנדאָן 1952

פאַרלאַג: משה עובד, 26 מוזיאום סטריט, לאָנדאָן, וו.ס.1.

PRINTED IN ENGLAND
THE NAROD PRESS, CAVELL STREET, LONDON, E.1.

אינהאלט

איך און איך

זייט

א קליינטשיק ליד 7
אן אלט ליד 7
א ניי ליד 8
דער אוונט 9
די שטערן גייען מיט מיר שלאפן 10
נאכט 11
איינזאמער ניגון 12
דאס וויג־ליד 13
א שניי־מענטש און א מויז 14
דער פעכער פון אבר־בוק־טין 17
מה טובו אוהליך יעקב 19
די גאלדענע פאווע 21
מיין קינדס א בריוו 23
מימיני — מיכאל, משמאלי — גבריאל ועל ראשי — שכינת אל 25
ווייסע שפנים (קרוליקעס) 27

פונ׳ם טאטנס חומשל

בראשית־בילד 31
דער רעגן־בויגן (באלאדע) 33
דאס עכא (ווידער־קול) (באלאדע) 34
קינ׳ס טויט 35
די סקולפטור פון לוטס וויב 37
אין נחל קדרון טונקלט 38
אין נחל קדרון 40
דאס סדומער בעט 42
דער ים המלח 44
עזא און עזאל 45
עזא און עזאל זעהען נעמה 47
נעמה 50
אברהם אבינו איז מבקר זיין ישמעאלן 52

זייט

הגר גייט צו ישמעאלן 54
יעקב קלאָגט אויף רחל׳ס טויט 56
יעקב׳ס לייטער 57
יעקב׳ס זעאונג 58
יפתח׳ס טאָכטער וויינט אין די בערג 60

ישראל-לידער

(פאַר אַן אומבאַקאַנטן צאַבער)

הללויה ירושלים 63
מאַמע רחל גייט קיין מאה שערים 64
ירושלימער בעטלער 66
אין ל״ג בעומר 68
באַלאַדע פון כביש הגבורה 70
די וואָס האָבן דערלייזט ירושלים 74
מאה שערים 76
ווען ירושלים די שטאָט גייט שלאָפן 78
די באַלאַדע פון דריי חברונער ווייבער 79
חנה מיט די זיבן זין 80
אַ מאַמע 82
דאָס רעקל פאַרשעמקט 85
צו אַן אַלטן ירושלימער שטיין 87
אַ לוסטיקע קורדישע חתונה 88
אַ טרויעריקע תימנישע חתונה 90

שבעה-לידער

(פאַר די טאַטשקע פון אַשוויענצים)

אַ צייכנונג פון מיין היים אין פוילן 94
טערנושקע־שפּיל 96
אַ סענק פון אַ בוים זאָגט קדיש נאָך מיין שוועסטער 101
מיין שוועסטערס קינדער 102
שמואל, מיין שוועסטערס מאַן 103
קריעה 104
מיינע טויטע חברטעס 106
מיין ברודער אין געטאָ 108
באַלאַדע פון מיין טויטן זיידן וואָס כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען 109

איך — און איך

א קליינטשיק ליד

כ׳ווייס ניט אויב דו ווייסט
ווער כ׳בין ?
ס׳האָט געהאָנגען זיך מיין טרויער
אויפן פענסטער מיט אַ שפּין — —

און קיינער קיינער האָט געזען דעם בר־מנן —
ער איז ניט דאָ — ניט מער פאַראַן — —

* *
*

אן אלט ליד

מיין אַלט ליד
ליגט מיטן פּנים
צו דער גרויער וואַנט —
און וואַרט, און וואַרט
אויף מיין דערבאַרימדיקער האַנט —

א ניי ליד

מיר איז גוט
מיר איז מילד
מיינע הענט —
זיינען ווילד — —

זיי שרייבן אַ ליד
אַ ליד וואָס איז ניי —
אַ פּינטל אַ שטריך —
ס׳איז אַלעם פאַרביי —

אַ צייכן, אַ פראַגע —
אַ בורשטינערן פלעמל —
מיין צאָפּ איז פארקעמט
מיט אַן עלפנביין קעמל —

אַבסטראַקט, נאָר אַבסטראַקט
באַפרייט שוין דעם טאַקט!

אַ פראַגע צייכן?
מען ברויך קיין פאַרגלייכן —

די זון קאָן זיין מעש
די נאַכט קאָן זיין טינט
מיר איז מילד, מיר איז גוט
מיין וואַסער איז קיין וואַסער —
נאָר בלוט — —

דער אוונט

אויף סאמעט לאטשן
איז ער אָנגעקומען ;
מיר אין זיינע אָרעמס אַריינגענומען —

גייט ער מיט מיר
גייט פאַרטראַכט
ס׳איז שוין באַלד
צו האַלבער נאַכט —

מאַכטס אַ וואַרע !
מאַכטס אַ וואַרע !
ער שלייכט אַריין זיך
אין אַ שפּארע.

איך בלייב ליגן
בלייך, דערשראָקן
ער האָט צוויי פּיס
מיט בלויע זאָקן — ——

די שטערן גייען מיט מיר שלאפן

ווער זינגט אַ ליד
פאַר מיר און די שטערן
ווען מיר גייען שלאָפן ?

ס׳איז אַ באָרוועסע לבנה

איבער געסלעך איצט געלאָפן —
און אויפגעשפרייט האָט זיך די רו —
מיר זאָלן חלומען פון נעכטן
און די צעפּלאָך אונזערע
וועט זי קעמען און צעפלעכטן — —

נאַכט

די נאַכט האָט זיך אַ קישן
פון וואָלקענעס געמאַכט

און צוגעבעט האָט זי איר בעט
מיט גרויסע, גרויסע שטעט —

מיט חיפה,
מיט תל־אביב,
מיט ירושלים

און אָנגעטאָן אויף איר קאָפּ
אַ שאטן, אַן אבאיע* —

---

*אבאיע — אַ ווייס טוך.

איינזאַמער ניגון

כ׳האָב געזען אין הימל
טוען אויס די שטערן
זייערע בלויע שיכלעך

און גייען שלאָפן אין גרינעם בעט
און דער שטערן־מאַן, גיט זיי יעדערן אַ גלעט —

אַ בוים ציט אויס זיין לאַנגן האַלז
און בליקט מיט צוויי סענקענע אויגן —
איצטער וועט מיין אומעט ליגן אויסגעצויגן —
ער וועט וויינען מיט שאקאלן רויטע טרערן —
ביז איך וועל אַ ליד אים ניי געבערן — —

און פון אַ באַהעלטעניש, וועלן אַרויסגיין איינזאַמע נעכט

מאַגערע און דינע, וועלן זיי אַ געוועב פאַרשפינען
מיך אַרויפליגן אויף דעם ווייסן לבנה־טעלער.

און וועלן מיר געבן צו טרינקן פינסטערניש —
פון אַ רויטן בעכער —
און דערנאָך וועלן זיי אָנצינדן אַ ליכט
און דאָס וועט טריפן, טריפן אין מיין געמיט —

דאס וויג־ליד

כ'האָב אַ וויג־ליד אָנגעשריבן
אויף מיינע מעריב־שויבן ;
געזונגען האָבן עס שוין היינט
צוויי פרעמדע ווייסע טויבן —

אויף מיינע מעריב־שויבן
הענגט אַ שטרענגל טרויבן —
הענגט אַ שאָטן פון אַ בוים
דעם קאָפּ אַרויפגעהויבן —

איילו־איילו־לולינקע,
צוויי פרעמדע ווייסע טויבן,
כ'וועל נאָך שרייבן שורות צוויי
אויף מיינע מעריב שויבן —

איילו־איילו־לולינקע
צוויי פרעמדע ווייסע טויבן —

א שניי־מענטש און א מויז

איינס
צוויי
דריי!
כ׳האָב געמאַכט
אַ מענטש פון שניי!

זיינע שנייאיקע
צוויי הענט,
האָט קיינער
ניט דערקענט!

איצטער גייט
אַרויס אַ מויז
פון איר הויז.

זי קוקט זיך
קלוג אַרום,
אַ ווייסער
מענטש
אַ בעל־מום
שטייט אין
שניי!

מויז, מויז!
לאָז דעם שניי־מענטש
אין דיין הויז — —

לאָז אים
אין דיין
הויז אַריין
ער וויל
צו דיינע
מייזלאַך גיין — —

איצטער בענטשט מיך
גאָט, אָ בענטש!
כ׳מאַך פון שניי
אַ ווייסן מענטש — —

כ׳האָב באַפוילן:
שטיקלאַך קוילן!
— גייטס אַריין
אין אויגן צוויי
וואָס זיצן
אין אַ קאָפּ
פון שניי —

כ׳האָב לויט מאָז
געמאַכט זיין נאָז!

אויף די נאָז
אַ גרויסע בריל
וויל ער —
לעזט ער ביכער
אין דער שטיל!

ער איז באָרוועס
אָן אַ שיך!
און האָט אַ ווייסן
שיינעם פליך!

אַ גוט מאָרגן
ליבע מויז !
דער שניי־מענטש
קוקט אויף דיר
אַרויס ! —

רעד צו אים
דיין מויזיש
לשון,
באָרג אים, אויב
דו האָסט —
קאַלאַשן —

די מויז
זי דרייט
שוין מיטן
עק —
זי וויל איך
זאָל אַוועק — —

איינס
צוויי
דריי
כ׳האָב
געלאָזט
אַ מענטש
אין שניי —

ס׳טוט אים
גאָר ניט
ווי —
איינס
צוויי
דריי -

דער פּעכער פון אבו-בוק-טין

אויף אַ גאָלד באַזוימטן טעלער
ברענגט די זון אַ שפּינוועבס
פּעכער,
די שפּין זיצט טיף דאָרט
הינטער דעכער —
די אַלטע שפּין פון הונדערט
און איין יאָר
געשפּינט פאַר עמיצן
אַ גרויסן פּעכער —

האָב איך געפרעגט פאַרשעמט :
— איז דען דאָס דער פּעכער
פון מיין שוועסטערס חופּה־טאָג ?

— ניין —
ניין. שאָקלט מיטן קאָפּ
די זון—
ס׳איז דער פּעכער
פון אבו־בוק
דעם אַלטן קעניג,
וואָס וווינט אין מצרים —

דער קעניג, פון מצרים
וואָס קיניגט ניט מער,
קוקט אינם טאָג
מיט אַ גילדענע טרער —

שיקט ער מיר דעם פעכער
איך זאָל פעכערן מיין טרויער
ער איז אַלט און טויב
אויף דעם רעכטן אויער — —

און ווייל ער האָט אַמאָל
מיין קרישטאַלענע טיר געזען,
אין בלויען אָוונט־שיין —

האָט ער, דער קעניג געזען
ווי כ'ניי אַ העמד פאַר מיין ליד —
ווי כ'שנייד אַ קלייד מיט
אַ זילבערנע שער —
און די פאַרב פון לידס
אַ טרער —
איז — גינגאָלד!
און ער דער קעניג
דער אַלטער —
האָט לידער האָלד — —

שיקט ער מיר דערפאַר
דער אַלטער נאַר —
דער קעניג אַבו־בוק טין
דער פעכער פון דער אַלטער
שפין — —

מה טובו אוהליך יעקב

פון בורשטין
האָב איך מיר היינט
אויפגעבויט דעם טאָג;
און מיין צעלט
האָב איך מיר
געלאָזט שענקען פון
ריש לקיש
דעם וואַלד־גזלן,
דעם תנא — —

און ס׳איז גאָר ניט
ווייט פון דאַנען —
אַ פּאָר קליינע שריט;
איך טו מיר אָן
דעם וואַנט־זייגערס לאַטשן —
און איך באָרג מיר
ס׳ציפּערבלאַט —
זיין האַרץ —
ס׳איז מיט קליינע
גינגאָלד רעדלעך
איינגעשפּאַנט —
און ס׳קאָן גיין
אָן געוויין — —

און איצטער
בין איך דאָ!
כ׳וועל פון שרעק
ניט ווערן גרא —
כ׳וועל פון צער
ניט ווערן בלאַס —

ס׳איז אין צעלט
ניטאָ קיין גאַס —
די שטערן שלאָפן
ס׳האָט זיך גאָר ניט
דאָ פאַרלאָפן!

מיין שכנס שבעה־טעג
און זיין געוויין
קומען דאָ ניט
מער אַריין —

כ׳זע ניט מער
די נעקראלאגן,
כ׳זע ניט מער
דעם טויטן־וואָגן —

אַ פויגל האָט מיר
היינט דערציילט;
ער האָט געבראַכט
אַ טרער אין צעלט —

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט
נאָך מיר —

ס׳איז ניט מיין טרער
פויגל, מיין —
כ׳ברענג אין צעלט
דעם ווינטס געוויין,
ווייל ער האָט ניט
וווּ צו גיין — —

מאי 1950.

די גאָלדענע פאַווע
(באַלאַדע)

אַ ווייסער וואָלקן
האָט מיך ערשט געבוירן
און האָט מיך אויף
דער ערד פאַרלוירן — —

בין איך בלויז
אַ גילדן פעדערל
געוואָרן,
וואָס מען האָט מיך
פון דעם וואָלקן
אָפּגעשוירן — —
נעמט מיך עמעצנס
אַ האַנט
און נייט מיך
אויף אַ ווייסן
דעקל;
ווערט פון מיר
ווערט פון מיר
אַ פאַווע
מיט אַ גאָלדן פלעקל — —

ווייסער וואָלקן
ווייסער מיין,
מאַך איך זאָל
דיין קינד
איצט זיין — —

פלעכט מיך איין
אין דיינע פליגל
לייג מיך אין דיין
וואָלקן־וויגל —

וויג מיך ווי אַ
שטערנס בלענד
אין די ווייסע
דיינע הענט — —

מיין קינד'ס א בריוו

א

דער בריוו
האָט ווייסע,
ווייסע פליגל;
כ'שליס די טיר
אויפן ריגל —
אַ בורשטין פלעמל
לייכט אין שפּיגל —

ס'טויכט פון ווייטקייטן
דאָס קינדער־וויגל,
אַ ווייסער פלעמל
לייכט אין שפּיגל —

אַ דורכזיכטיקע בענקעניש
קומט שטיל און זאכט
זי האָט די טיר
פּאַמעלעך אויפגעמאכט —

און ס'פלאַטערט אינם צימער
דעם בריווס אַ ווייסער פליגל
אַ בורשטין־פלעמל, ציטערט אינם שפּיגל —

די האנטשריפט

ב

די שריפט — אַ געמאלטער אינקונאבל
אַ מיניאטורן פּינזל
אַן אָדלער מיט אַ בלויען שנאָבל —

אָ געגנפער לאַנדשאַפט
מיט לילא און ווייסן בעז.
אַ בוים מיט קערשן־בלעטער —

טויזנט, טויזנט קילאָמעטער
ציפערן און צאָלן.
זי האָט דעם בריוו
מיט פאַרב פון יוגנט אויסגעמאָלן —

מימיני — מיכאל, משמאלי — גבריאל ועל ראשי — שכינת אל

(אביבית׳ן אַ מתנה)

אַ פרילינג נאַכט
א פרילינג נאכט;
כ׳האָב אַ מעשה
מיר פאַרטראַכט —

דער בלומען־גאָט
דרעמלט איין,
שכור שוין פון וויין —

דער גראָזן־גאָט
וואָס מאלט די גראָזן,
האָט אויף מיר אַרויפגעבלאָזן
אַ פרילינגדיקן שארך —

מיט וואגשאלן אין די הענט
קומט מיכאל פון זון פאַרברענט —

מלאך מיכאל! — זעץ מיך
אויף דיין גאָלד־וואגשאל —
וועג מיך ווי מען ווענט דאָס גאָלד —

מלאך מיכאל איז מיד און מאָט
אויף זיין קאָפּ אַ פרילינג־בלאָט!
שפרייט ער אויס דאָס שוויגן
מיך אַרויף צו לייגן —

מיט וואגשאלן אין די הענט
קומט גבריאל פון זון פאַרברענט —

— מלאך גבריאל !
זעץ מיך אויפן דיל —
— מלאך גבריאל !
כ׳הער סע רעדט
די וואַסער־ מיל — —
זי פּאַטשט מיט פליגל
כ׳הער דאָס עכא
פון אַן איינזאַמען היגל —
— מלאך גבריאל !

מלאך גבריאל איז ווייס
ווי צוויט
אַ לאַק, אַ גלעקל
אין שטערן־מיט —
ער זינגט אַ ליד
צום שלאָפן גיין : —

— שכינה, שכינה
שכינת־אל
קום צו מיר
אויף אַ ווייל — —

לייג מיין קאָפּ
אין בלומען־טאָפּ —
ער וועט בליען
ער וועט בליען !

שכינה, שכינה
שכינת־אל — —

ווייסע שפּנים (קרוליקעס)

אולעשלען

ס'איז מיטוואָך נאָכמיטאָג.
אין מיטוואָך האָט גאָט די זון באַשאַפן
אויסגעוואָרמט זי — אונטערן האַרץ —
איינגעהילט זי אין אַ וואָלקן —
אַרויסגעשיקט זי אין די וועלט:
דער הימל האָט זיך פון אייער־שאַל געשפּאָלטן
מיטוואָך —

ווען האָט גאָט די שפּנים באַשאַפן?
האָט ער זיי באַשאַפן
זיי זאָלן אין מיין
קינדער־וויגל שלאָפן?

אין מיין אַלטער היים — —

צען ווייסע שפּנים זיצן איצטער אויף מיין הימל
זיצן מיט אַ זיסן דרימל — —

צען שפּנים ווייסע
ווי אין אַנדערסענ'ס
אַ מעשה — —

כ'וויל זיי אָנרירן אַרומנעמען
אין די רויטע אויגן קוקן
אין די נאָסע נעזלאַך —
זיי שפּיצן די אויערן ווי
קליינע העזלאַך —

מײַן װיג מיט געשניצטע ביעגונעס
כ'װעל אַרײַנלײגן אַ ליד,
אַ ניגון — װיגן אים פֿאַרװיגן — —

ס'איז פֿינסטער, ס'איז נאַכט
װער האָט זײ דאָ אַהערגעבראַכט! ? —

פונ׳ם טאַטנס חומשל

בראשית-בילד

א

פיאַלעטער־גרינפּאַרגאַסענער
פלעקיגער גרויער הימל —

אין ימישן־בעט שלאָפן שטערן,
לייבן צעשויבערטע און בערן;

אויף שטיינערנע ווענט,
גייט אויף די יצירה און ברענט — —

אַן אלטאמירא מאלעריי דער אַרום
בוימער מיט גריבע האָריקע קעפּ —
פעלזן, שטיינער מאָזאַאיק טרעפּ —

גאָט גייט אַרום אין אַ לייבן־פעל געהילט
ער נעמט דעם שטעקן און ער גייט
ווו אַהין ? ווו אַהין ?

די לאנדשאפט און דער מענטש

ב

גאָט האָט שוין דעם ערשטן שניי
אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד —
זיין אויג האָט זיך פון ווייסן בלענד פאַרקלערט —
ער זעט דעם שניי, פאַלן און פאַלן
ער פאַרדעקט די טייכן און קוואַלן —
ער פאַרדעקט וועלדער און פליינען
ביז די ווייסע וועלט וועט אָנהויבן שיינען —
זעצט ער זיך אויפן הימל־פענסטער־ברעג ;
און ער קוקט אַראָפּ אויף פאַרשנייטן וועג.

און ער טראַכט:
איצטער מוז
דער מענטש
אַראָפּגיין
אויף די ערד — —
און אויף דער ווייסער דעק
מאלט ער אויף אַ מענטש —
אַ טונקלען פלעק —
און אַז דער מענטש
געזען האָט דעם שניי
האָט ער אויסגערופן אַ געשריי:
גאָט!
— אַליין?
איינציק אַליין?
ניין — האָט גאָט געזאָגט:
— צוויי! — —

דער רעגן־בויגן
(באַלאַדע)

אַ מחנה פֿייגל אָנגעפֿלויגן
געבראַכט אויף די פֿליגל
דעם רעגן־בויגן!

אַ נאַקעטער, אַ נאַקעטער
ליגט ער אויפֿן טעלערל פֿון הימל —
מען וועט אים קליידער אָנטאָן
מאַכט קיין רעש קיין טומל — —

ליגט ער און ער זאָגט אַ תּפֿלה
מיט ליפּן רויטע־גרינע,
זאָגט ער רייד זער שטילע — —

קומען צוויי מלאכים
האָרכן, שאָרכן ביידע;
ער איז אַ נאַקעטער געבוירן
מען דאַרף אים ברענגען קליידער — —

זאָגט דער רעגן־בויגן
מיט בעטנדיקע אויגן:

— כ׳וויל די מלבושים,
פֿון אַ צייטיקן עפּל —
און דאָס ווייס פֿון אברהם אבינו
ווייל דאָס ווייס, איז קיינמאָל
פֿון אים ניט אַנטרינען — —

דאס עכא (ווידערקול)
(באַלאַדע)

דאָס עכאָ, איז דאָס גאָלדענע ליד
וואָס די בערג האָבן איבערגעחזרט,
און די אלעף, די אלעף אָ טייל פונם גליד
וואָס די ווינטן האָבן צעפּאזערט —

דערנאָך איז דאָס עכאָ געקומען פון פעלד
די ימים האָבנ׳ס מיט ימישן קול צעשריגן —
און טייכן גינגאָלדענע האָבנס צעהעלט
און צעקייקלט און אויסגעשפּיגן — —

האָט זיך דאָס עכאָ געקייקלט און געטרייסלט — —
און ווידער אין די הויכן ביז צו גאָט דערשלאָגן
און ווידער זיך אין געטלעך ליכט געצוואָגן — —

האָט גאָט געזאָגט זיין זאָגן:
דו וועסט תמיד גיין און פאַלן —
צעשרייען זיך אין קוואַלן —
צעקלינגען זיך אויף פליינען אויף לאנען!
וועסט קומען און גיין פונדאַנען —

צעבולבען זיך אין טייכן, ברונעם וואַסער
דו, ווידערקול, דו נאַסער!

קינ׳ס טויט

ווען קין האָט אויפגעבויט
די שטאָט חנוך,
האָט ער געזאָפן און געשיכרט
דריי טעג אין דער וואָך — —

און ס׳האָט זיך געטראָפן,
וואָס ד׳ער טויטער הבל
איז אים אויף די וועגן נאָכגעלאָפן — —

און געפרעגט אים:
„פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרציקט?״
און קין האָט אַ שוויס באַגאָסן
ער האָט מורא געקריגן,
און געמיינט דאָס גאָט האָט אים
צו אים געשיקט — —

האָט ער אָנגעהויבן וואַנדערן
אין די בערג אין די שטחים די גייע
פאַרשטעלט זיך מיט הערנער ווי אַ ווילדע חיה —

האָט למך גראַד שפּאַצירט
מיט תובל־קין אין גאָרטן —
האָט תובל־קין געוויזן:
— „זעסטו זיידעשי, די חיה דאָרטן?
מיר קאָנען האָבן אַ גוטן מאָלצייט — —״

האָט למך, דער אַלטער,
גענומען אַ פייל און זיך געשפּילט —
און געוויזן תובל־קין
ווי אַזוי מען צילט — —

און האָט ניט געטראָפן . . .
געגוי אַזוי האָט די מעשה
זיך אין תנ"ך פאַרלאָפן — —

האָט געזאָגט תובל־קין — —

איך וועל צילן
כ'וועל זיך שפּילן — —

האָט למך זיך דערשראָקן
מיט ציטערדיקע הענט
געכאַפּט תובל־קינ'ס לאָקן — —

געטרייסלט אים און געשריגן
וועסט פון מיר מכות קריגן — —

למך האָט געשפּירט, דאָס תובל־קין
איז שוין טויט — —
ווייל ס'האָט געצונדן זיך
דער באַרג אין שקיעה רויט — —
ער האָט תובל־קין
געטרייסלט צו שטאַרק — —
ביז ער איז אַ שוואַכער
געפאַלן פונם באַרג — —

דאמלס האָט למך געשלאָגן
זיך אל חטא און געזאָגט:
„כי איש הרגתי לפצעי,
וילד לחבורתי! —

די סקולפּטור פון לוטס ווייב

צווישן ים המלח
און צווישן סדום
וואַקסט פון זאַלץ
אַ ווייסער פּראַטאַם.*

אַ ווייסער שטיין
וואָס פינקלט
וואָס בלענדט,
כ׳האָב גלייך
לוט׳ס ווייב
אין דער שיינקייט
דערקענט —

און אין די אָוונטן
טוט לבנה זיך אָן
אַ רונדן שיין
אויפן קאָפּ
קוקט זי צו לוט׳ס ווייב
און בוקט זיך אַראָפּ —

און גיט איר
אַ זילבערן
אוירינגל
אין אויער —
און לוטס ווייב שייכלט
און לבנה
פאַרשווינדט
אין טויער — —

---

*פּראַטאַם — סקולפּטור.

אין נחל קדרון טונקלט

צעפּיצלט און
צעקרישלט
ליגט דאָס גאָלד
אויף טרעפּ —
חוה זיצט איצט
טרויעריק
סע טרויערן
אירע צעפּ —

אדם איז געפאַלן
צוויי טריט פון
דאַנען גאָר —
סע בלויען זיך
די טרויערן
אין חוה׳ס
שיינע האָר —

סע דעמערט
און סע דעמערט
צוויי שטערן
קומען אָן;
איינער קומט
פון ראשון
דער צווייטער
קומט פון נען* — —

---

*נען — אַ נאָמען פון אַ קבוץ.

זיי קומען
ביידע טרייסטן
חוה'ן אויף
די טרעפּ —

זיי שטייען
און זיי בליקן
און גלעטן
חוה'ס צעפּ —

אדם איז געפֿאַלן
צוויי טריט
פֿון דאַבען גאָר,
סע גייען אויף
די טרויערן
אין חוה'ס
שיינע האָר —

אין נחל קדרון

אין נחל קדרון
אויף אַ טרעפּ,
זיצט חוה
אין אַ קרוין
פון צעפּ — —

קומט אַ ווינט
און רייסט זי
פאַר די האָר:
— „זאָג חוה —
איז דאָס וואָר —
דו ביסט אַליין
געבליבן? —
אדמ׳ן פאַרטריבן?

חוה שוויגט פאַרביטערט —
ס׳האָט דער ווינט,
פון חוה׳ס שוויגן
אויפגעציטערט — —

ס׳איז ניט געווען
פאַרביידן — —
אַרויסגעטריבן זיי
פון גן־עדן — —

חוה שאָקלט
מיטן קעפּל;
ווערמדיק געווען
דער עפּל — —

אין נחל קדרון
אויף אַ טרעפּ
זיצט חוה
אין אַ קרוין
פון צעפּ — —

דאס סדומער בעט

אין ים המלח
אין אָונט שפּעט,
שווימט אַרויס
דאָס סדומער בעט.

אַ בעט פון גרינלעכן
גראַניט
מיט צוויי הירשן
אינדערמיט.

שמאָל און ענג
דאָס סדומער בעט
מיט נעגל לאַנגגע
אויף דעם ברעט.

בלייבט דאָס בעט
אויף ים איצט שטיין
עס זאָל לבנה אין אים
אַריין —

עס זאָל לבנה
שלאָפן גיין.

שכור איז די נאַכט
ווי לוט;
פאַלט זי מיד
אין סדומער בעט,
נאָר די נעגל
פונם ברעט

שטעכן זי און
שטעכן.

זאָל אַט דאָס בעט
פאַר אורחים זייַן
די נעגל אינם לייב
אַריין?

נאָר ס׳קומט פון ים
דאָס טויטע
סדומער מיידל,
זי זאָגט דאָס שטיל
און איידל:

„געווען אַ מנהג
אַט אַזאַ:
זאָל זיין שטיל —
שששששששש—אַ“.

און וואָס זי האָט דערציילט
פון סדומער לייט,
דאָס איז אַ שלאָס
מיט אַ לאַנגער קייט.

ווער ס׳וויל הערן
פון אנשי סדום
זאָל קומען
צו דעם טויטן ים.

און נאָר אין אָוונטן
ווען ס׳ווערט שפּעט
הערט מען ריידן
דאָס סדומער בעט.

דער ים המלח

דער ים המלח
דער מלך, דער ים
האָט איצט אַ בריוו געשריבן:
מיט זאַלץ אין קרישטאָלענע זעמדלאַך —

צום ים כנרת, דעם בלוילעכן ים
וואָס וואַשט פאַר די שטערן,
די העמדלאַך —

און געשריבן האָט ער, אַ קופּערנעם בריוו
אַ קלאַנג אַן אַלטן ניגון —
אַ, דו כנרת דו בלויער ים!
ער האָט געברומט און געשריגן — —

„כ'בין דער מלך,
דער מלך פון זאַלץ
וואָס האָט איינגעשלינגען סדום — —
איך גיב דיר, מיין פאַרמעגן און אַלץ
כנרת, כנרת,
קום!

עזא און עזאל

א

עזא און עזאל
ביידע אַראָפּגעפאַלן
אויף דער ערד ;
מיט ווייסע פליגל
מיט בלאָנדע בערד — — —

אוּ־וואָ !
אַ שיינע וועלט
האָבן ביידע געזאָגט :
ס'ווערט נאַכט,
ס'ווערט טאָג !
זייערע פּנימער
זיינען צעהעלט —

ס'איז שטיל
סע שטייט
אַ ווייסע
וואַסער־מיל —

וואָס טוט די מיל
אין מאָרגן־רויט ?
אין מאָרגן־רויט
מאָלט זי מעל
אויף קאָרן ברויט —

זיינען זיי אין
מיל אַריין ;
דער מילנער זיצט
און שלייפט אַ שטיין —

בוקן זיי זיך
ביז צו דער ערד
מיט די ווייסע פליגל
און מיט די בלאָנדע בערד —

גייען זיי טיפער
אין מיל אַריין,
זעען זיי אַ מיידל
ביים ראָד שטיין —

ווערט דאָס מיידל
בלייך דערשראָקן
צוויי מלאכים
מיט בלאָנדע לאָקן — —

גיט זי זיי מעל
צו באַקן ברויט;
און די זון קומט אַריין
מיט איר מאָרגן־רויט —

זעען זיי דאָס מיידל
לייכט ווי אַ שטערן,
ווילן זיי אין מיל
מילנער ווערן.

זיצט דער מילנער
און שלייפט דעם שטיין,
און הייסט די מלאכים
ווייטער גיין — —

און דאָס מיידל
האָט די טירן פאַרמאַכט,
און ניט געשלאָפן
די גאַנצע נאַכט —

די מיל
איז געשטאַנען
אַ ווייסע,
אַ שטילע,
געפּרעפּלט
אַ תפלה — —

עזא און עזאל זעען נעמה

ב
עזא און עזאל
שטייען ביים ים
און זעען
נעמה שווימען;
נעמה קוקט
דורך אַ זונען־בריל
צוויי מלאכים זיינען
זיך באַדן געקומען — —

נעמה זעט זייערע פליגל
די ווייסע
זיי בלענדן אין דער זון — —
זי דערמאָנט זיך
פון חומש די מעשה
וואָס אַסך ווייסן
דערפון — —

פאַרלייגט זי
די הענט
אויפן וואַסער
און שווימט
און שווימט —

דער ים איז
אַ גרויסער עזיז
ער האָט אירע
צעפּ שוין צעקעמט —

ער האָט אירע פיס
ווי שלאַנקע גאזעלן
פאַרפלאָכטן אין די
שטורמישע וועלן —
און אַמיסטן,
נאָך רונדיקער געמאַכט
אירע ברוסטן —
אין וואַסער־שפּיגל — —

עזא און עזאל
שטייען ביים ים
און זעען נעמה
שווימען —
זיי נעמען אַרויס
צוויי ווייסע קעם
און טוען זיך ביידע
קעמען — —

אַז נעמה וועט
פון ים אַרויס
וועלן זיי איר
דערציילן,
גאָט האָט זיי ביידע
אַראָפּגעלאָזט
זיי זאָלן זיך מיט
איר פאַרווײלן — —

נאָר נעמה
שווימט און
שווימט —
און הערט ניט אויף
צו שווימען —
פון וואַנען זאָל נעמה
וויסן דעם סוד
דאָס צוויי מלאכים
זיינען צו איר
געקומען ? —
נעמה קוקט
דורך די
זונען־בריל
זיי האָבן
באמת פליגל !
און ווידער
רונדן זיך
אירע ברוסטן
אין טיפן
ימישן שפיגל — —

D

נעמה

נעמה שטייט אין
האַלבער נאַכט
אָנגעטאָן אין דער
לבנה אויפן קאָפּ
און זי לאַכט
און לאַכט — — —

זי טראָגט אַ קלייד
פון געלן שיפאָן,
אַ קלייד פון פאַר
צוויטוויזנט יאָר
מיט אַן אַלטן פאסאָן — — —

אירע פיס זיינען
באַשיכט,
מיט פאַסיקלאַך פון
גאָלד —
אַך, ווי נעמה ליבט די
שיך
ווי נעמה האָט זיי
האָלד — — —

אירע אויגן, האָבן אַ בלוי
געמאָלן לויט דער פאַרב
פון הימל —
קוים זעט מען זי אויף
דער גאַס,
ווערט אַ גרויס געטומל — — —

זאָגן — זאָגט מען — אויף
איר אַלדאָס בייז,
זי טשעפּעט אַ יונגן און
אויך אַ גרייז — —

די מיידלישע קראַפּט
פון אַ שד, פון אַ רוח!
מיט גאָלדענע פּאַסיקלאַך
שנירט זי די שיעך — —

איר יחוס־בריוו:
תובל־קינס שוועסטער...
צו דאַרף זי נאָך מער —
ס׳איז דער יחוס דער
גרעסטער! —

אברהם אבינו איז מבקר זיין ישמעאלן

אין חברון גייט אויף אַ שטערן
אין זיין האַנט זיבן גאָלדענע רערן!

ער קלאַפּט אין פענסטער ביי אברהם אבינו
ווי אַ דינער, וואָס דאַרף זיין האַר באַדינען — —

אברהם! אברהם! דו דאַרפסט גיין אין מדבר פארון!
צו ישמעאל הגרס, און דיין קינד —
יאָרן ניט געזען אים, ס׳איז אַ זינד! — —

טוט אברהם אָן בעטל־קליידער און אַ שטעקן
אין זיין האַנט;
אַ קינד אַן אייגנס, אין אַן אַנדער לאַנד — —

שרה ווייס ניט פון זיין גאַנג!
ס׳קאָן איר טאָן ווי און באַנג — —

שטעלט אברהם אַ ברייטן טריט —
ס׳איז פאַרט זיין אייגן בליט — —

ישמעאלס ווייב, אַ מצרישע מויד
זיצט מגושמדיק פאַר דער בויד!
אַ שוואַרצע און פון זון פאַרברענט
ישמעאלס טאַטע, ניט דערקענט —

„אַ גוט מאָרגן פריצע קרוין
קאָנסט מיר זאָגן וווּ ישמעאל וווינט?"

„דאָ — וווינט ער דאָ!
איז אין שטוב ניטאָ — —"

ברומט אברהם און ער ברומט:
— ווייסע שוועלן, קרומע ווענט
גרינע טירן, שוואַרצע הענט — —

צום אָוונט אַ רויטע זיצט די זון
ישמעאל אַ מידער אויף שוועל;
זיין ווייב, דער ציילט אין רויטן ליכט
ווענן אַ בעטלער וואָס איז ליכטיק און העל — —

— „ווייסע שוועלן, קרומע ווענט
גרינע טירן, שוואַרצע הענט" — —

טריב ווערט ישמעאל און ער זאָגט:
— ווו געגעכטיקט — ניט געטאָגט — —

און ווידער איז אברהם אין צעלט געקומען
האָט אים אַ נייע פרוי אויפגענומען;
אין אַ גילדענעם בעקן די פוס געוואַשן

און אברהם האָט געזאָגט:
„גאָלדענע שוועלן, גאָלדענע ווענט —
זאָל רוען די גוטסקייט אויף דיינע הענט!"

הגר גייט צו ישמעאלן

לאָמיר אַריבערגיין
זיבן שוועלן,
און גיין צו ישמעאלן
זאָגט שרה צו הגר׳ן
און זי טוט זיך אָן
די שבת׳דיקע קרעלן — —

נעמט הגר צוויי
ברוינע שעפסן,
בינדט זי צו
בענדלאַך רויטע
און פרעגט שרה׳ן:
— וועלן מיר זיי
דעם גאַנצן וועג פירן?
וועלן זיי ניט פון היץ
קראפירן?

זאָגט שרה ווייך:
מיר גייען דאָך פאַרביי
דעם בבל טייך —
וועלן מיר זיי
לאָזן טרינקען
ביז די שטערן
וועלן ווינקען — —

און זיי גייען
ביידע ווידער
ווי אַמאָל — —

סע קומט אַ קילער
ווינט
פון דעם גרינעם
טאָל
ער הויבט זיי אויף
מיט די שעפסן צוזאַמען
הגרן איז גוט
זי גייט מיט שרה אונזער
מאַמע — —

יעקב קלאגט אויף רחל׳ס טויט

אין עמק אויף אַ פּליין
זיצט אַ בחור, זיצט אַליין —

זיצט און בלעטערט אין תנ״ך
דער בוים, האָט בלעטער נאָך אַסך — — —

רחל איז אויף שמירה דאָ געזעסן —
מיט אַ ביקס, אין טויט פֿאַרגעסן — — —

אויף אַ שיפֿל זי געבראַכט
אין אַ גרויסער שטורעם נאַכט —

שפּעטער, שפּעטער, זי באַגעגנט
נאָר אויף שמירה, נאָר אין רעגן — — —
אויפֿן טענדער זי באַגלייט
אויפֿן טענדער, זי געליבט —

זי האָט געאַרבעט אינם שטאָל
מיט קוען זיך פֿאַרשטאַנען —

איצטער שטייט זי ווי אַמאָל
זי איז אין תנ״ך פֿאַראַנען — — —

יעקב׳ס לייטער

ליגט יעקב אין פּרדס
צווישן גאָלדענע מעראַנצן
דרעמלט, און טראַכט
און וואַכט — —

ווען ער וואָלט געהאַט אַ לייטער
מיט הונדערט שטאַפּל
וואָלט זיין חלום העכער נאָך געצאַפּלט

ניט פון הונדערט שטאַפּל!
נאָר אַ לייטער ביז צום הימל!
יעקב דרעמלט אַזאַ זיסן דרימל —

און אין פּרדס, גאָלדיקט זיך אַלעס
סע דעקט אים איין אַ נעפּלדיקער טלית — — —

ס׳וועט באַלד זיין קטיף*
רחל שרייבט שוין מער ניט מער
קיין בריוו — —

*קטיף — מעראַנצן שניידן.

יעקב׳ס זעאונג

רחל׳ס אויגן זיינען שוין
אַריינגעגאַנגען אין יעקב׳ס האַרץ —

זיי שווימען און שווימען
אין דעם גרויסן ים
דעם שטומען — — —

דרייצן קעמלען שטייען
אָאָנגעטרונקענע
די ליימענע קריגן ליגן ליידיק
און וואַרטן —

שווערע פירות איינגעהילט
אין פאַרשטויבטן גאָלד ליגן
אויף אַ שטיין אַ האַרטן — — —

יעקב׳ס הענט חלומען פאַרלייגט
פאַרלייגטע אויף נאַקעטע קני
און זיינע אויגן מאַרגנדיקע
פי — —

קליינע שעפסלעך קומען
און מעקען אַ געבעט ;
וואָס האָט יעקב צו זיך
אַליין גערעדט ?

ווייכע מאָרגענדיקע טויען
בלויען זיך און בלויען
יעקב׳ס אויגן —

ער גייט נאָך אַ טריט
אַ טריט וואָס איז פֿאַרשוויגן
דאָרטן זיינען רחל׳ס
פוסטריט מן הסתם געלעגן —

ער גייט נאָך און שווייגט
ס׳האָבן זיך די אויגן
ווי די ערד צעווייקט — —

* * * * *

וואָס וויינסטו, יעקב —
פרעגן אים די שטיינער
וואָס וויינען דיינע ליפּן?

רחל איז אַריינגעגאַנגען
צונ׳אייך אין איירע
ריפּן — —

יפתח׳ס טאכטער וויינט אין די בערג

אַז ס׳איז באַשערט דער טויט —
קומט ער מיטן מאָרגן־רויט,
קומט ער אַפילו פון אייגענעם טאַטן,
אַפילו פון גאָט אַליין.

דעריבער וויינט עס יפתחס טאָכטער
אין טאָלן צווישן בערג,
אַזאַ יאָמערלעך געוויין.

זעץ דיך, יפתחס טאָכטער
זעץ דיך, דאָ ביי מיר.
איך האָב פאַר דיין געוויין
צעעפנט ברייט מיין טיר —

כ׳האָב אויפגעמאַכט פאַר דיר
די פענסטער און די שויבן ——
ס׳רינען דיינע טרערן
ווי פון ווייסע טויבן — —

זעץ דיך, יפתחס טאָכטער
זעץ דיך דאָ ביי מיר,
איך וועל דעם בוים דעם אַלטן
נישט לאָזן טאָן אַ ריר —

כ׳וועל אָנזאָגן דעם ווינט:
ביי מיר איז איצט צו גאַסט
יפתח׳ס קינד —

ישׂראל-לידער

(פאר אן אונבעקאנטן צאבער)

הללויה ירושלים

דו העכסטע שטאָט פון אַלע שטעט
כ׳טראָג אַ לויב און אַ געבעט —

כ׳האָב אין דיר ברויט צו זעט
כאָטש דו ביסט מיט בערג געבעט!

כ׳האָב אין דיר דאָס ליד פון זיין
כ׳וויל אינערגעץ מער ניט גיין —

דאָ ליגט מיין מאַמעס שטיינערן בעט
כ׳זע איר מאָגערן סקעלעט —

כ׳הער איר תפלה דורכן ווינט
פאַר יעדן, יעדן, אירן קינד —

הללויה!
זיי געלויבט!

כ׳האָב דעם ווייטיק איינגעטויבט.
אויף דיינע שטיינער און אויף בערג

הללויה! ווינדער־ווערק!

מאמע רחל גייט קיין מאה שערים
(באַלאַדע)

מאַמע רחל איז אין ניסן נעכט פאַרטרויערט ;
אין ניסן־נעכט, ווען ס׳גרינען זיך די קברים,
נעמט זי די פאַטשיילע איבער קאָפּ —
און לויפט אין מאה שערים — — —

זי האָט אין קאָפּטן אירן, אַזאַ גרויס שליחות !
מען דאַרף ניט בפּועל ממש זאָגן איר יחוס . . .
פעלדער אויסגעמאַלט אין העל און טונקל גרין,
פרעגן מיט די גרעזלעך : — ווו אַהין ? —

אַ לבנה אַזאַ גרויסע, גרויסע —
קוקט איר נאָך, איר געשטאַלט
די ווייסע —
און אַ שטערן־וואָגן קומט אַנקעגן ;
וויל איר מיט אַ שטערן־טיכל פרעגן —
וויל איר ווייזן, אַלע, אַלע נייע קברים
פון די זין פון מאה שערים — — —

נאָר מאַמע רחל לויפט זי האָט קיין צייט
די לבנה, האָט איר אַ טעפּיך אַזאַ ווייסן
אויסגעשפּרייט —
וואַרפן לעדן זיך אויף געסלעך און אויף גאַסן
ס׳האַלט די נאַכט — דעם טאָג —אַ דערשראָקענעם
אַ בלאַסן — — —

קלאַפּט די מאַמע רחל אין אַ שויב —
צו גאַלדע פּיניעס, צו דער אַלטער טויב —

זי האָט אַן אייניקל אין חברון־שלאַכט
פאַרלוירן — —
און אַ צווייטעס, קאָן איר טאָכטער ניט
געבוירן —
ווייל זי איר זאָגן נאָר איין וואָרט!
זי הייליקט איצט דאָרט זיין אָרט — —

עפנט מאַמע רחל שטיל די טיר
גאָלדע־פּיניעס ווײנט פון שלאָף;
גיט זי אַזאַ סאַמעטנעם ריר,
מיט אַן אַלעף און מיט אַ תּאָוו — —

ס'שארעט שוין דאָס האַרץ פון מאה שערים
גאלדע פּיניעס דערציילט איר וווּנדערלעכן חלום . . .

איר קינד, איר קינד — וועט זיכער זיין געגעזן — —
די מאַמע רחל איז אינמיטן נאַכט ביי איר געוועזן —

ירושלימער בעטלער

אין אַ רעגנדיקן טאָג
זיצן בעטלער אויף אַ ראָג;
זיצן בעטלער בלינדע לאמע,
פון גארער וועלט געקומען —

ריידן זיי צווישן זיך
האָט משיח שוין אָנגעטאָן
די שיך?
האָט משיח שוין אָנגעטאָן
די קליידער? —

זאָגט איינער: ניין!
ער קאָן נאָך איצט ניט
גיין — —
מיליאסן קנעפּ האָט זיין
מאנטל!
ער האָט נאָך ניט צוגעקנעפּלט
דעם הונדערטסטן קנאָפּ — —

לאָזט דער צווייטער בעטלער
זיין מידן קאָפּ אַראָפּ —

האָט משיח שוין איינגעשפּאַנט
זיין ווייסן פערד?
ניין, זאָגט דער אַנדערער בעטלער.
ניין!
דאָס פערד וועט צונ׳ערשט
אין וואַסער גיין!
מען מוז עס באָדן און קעמען — —

וועט משיח זיך ניט פאַרזאַמען —
פרעגט אַ בלינדער בעטלער
און ער לאַכט.
האָט ער שוין דעם לעצטן קנאָפּ
פון מאַנטל צוגעמאַכט? — —
ווען ער וועט קומען אין אונזער לאַנד
וועל איך אים קושן די רעכטע האַנט — —
זאָגט דער לעצטער בעטלער פריילאַך,
ער וועט זיין דער יידישער מלך!

נאָר פאַרוואָס מוז זיין מאַנטל האָבן
מיליאָסן קנעפּ?
סע גרויען זיך אין אָוונט־שיין
די בעטלערס קעפּ — —
אַ פלעק פון זון פאַלט אַריין אין
זייערע הענט,
משיח׳ס שטערן גייט איצט אויף
און ברענט — —

אין ל״ג בעומר

שמעון הצדיקס קבר
שטייט פאַרלאָזט פאַריגלט
ס׳האָט זיך אויפן הימל
אַ וואָלקן איצט געשפּיגלט —

ס׳האָט זיך אויפן הימל
אַ זיווג איצט צעריסן — —

ס׳האָט פּונקט געבליט אַ בוים.
מיט ווייסן עפּל־צוויט
און דער זעלנער
דער אינוואַליד
וואָס האָט ניט מער קיין אויגן
און אויך ניט ביידע הענט
האָט פּלוצים זיין מיידל
אין בלינדקייט דערקענט — —

זי האָט אים געבראַכט
אין קראַנקן־הויז
אַ קליינע האַלב־צעבליטע
רויז —

זיי זיינען געזעסן
האַרט נעבן זיך;
ער האָט מיט זיינע שיך
באַרירט אירע ווייסע שיך —

און זי האָט געשמייכלט
אַ טרויריקן שמייכל —
דערנאָך האָבן זיינע אַמפּוטירטע
הענט
געוואָלט אַרומנעמען אירע —
דערציילן איר פון זיין גבורה — — —

וואָס עס זיינען געווען די
קאַמפן ביי שער שכם.
ווער ס'האָט געשלאָגן
און ווער ס'איז געוואָרן
געשלאָגן — —

נאָר פּלוצים האָט דאָס מיידל געזאָגט:
— ——— — פּאַר אַכטאָגן —

און מער האָבן אירע ליפּן
די ווייכע די דינע
קיין ווערטער געפונען — —

שמעון הצדיקס קבר
שטייט פאַרלאָזט פאַריגלט;
ס'האָט זיך אויפן הימל
אַ וואָלקן איצט געשפּיגלט — —

באלאדע פון כביש הגבורה*

ס׳איז געווען אַזוי ווי
אין ששת ימי בראשית;
די זון איז נאָך ניט דאָ געווען,
און דער הימל איז געלעגן
צווישן חרובע וועגן —

און אַלע שטעגן,
און אַלע שטחים
זיינען געווען פאַרקניפּט
מיט פייער און בלוט —

און דער ירדן
און דער כנרת
זיינען געווען מעוברת
מיט טרויער פון יידישן צער;

האָט אויפגעהויבן די האַנט
דער וואָס לעבט אייביק —
דער האר —
און האָט אַרויסגענומען
אַ טאַבעק שקעטעלע —
דאָס ביסל בטחון,
און האָט עס צעבלאָזן
אויף דעם פעלד
ס׳זאָל קומען נצחון —

---

*דער וועג, צווישן ירושלים און תל־אביב וועלכער איז בעת די שווערע שלאַכטן אין ארץ ישראל ביי דער גרויסער מסירות נפש אויפגעעפנט געוואָרן דורך די יידישע העלדן־קעמפער.

איז אויפגעגאַנגען דאָס קול דממה
פון דער אָרומיקער שממה — —

און האָט זיך געשפּרייט
מיט כאַפּטעס שאָטנס,
וואָס האָבן ווי די שטילקייט
מיט זיידענעם געררויש געשנייט —

און אויף די קני
איז דער סוד געקראָכן
און אַריינגעוויקלט זיך
אין די כאַפּטעס שאָטנס
וואָס זיינען ווי די נעפּלען
אויפגעגאַנגען —
און געוואָלט אַדורכברעכן
די וועגן פון מים
פאַר דער שטאָט ירושלים — —

און ווי אין דער מדבר
שטייט ירשלים,
אָן וואַסער אָן ברויט,
ס'צאַנקט נאָך אַ קנויטל
און סע שפּרייט זיך דער טויט — —

און סע שפּרייט זיך די סכנה
און אין פייערן טויכט אויף
אַ דערשראָקענע לבנה —

מיט איר אַ ווייסע
די שטאָט ירושלים
אין אַ בגד גאָר אַ נייעם,
אין אַ בגד מיט אַ הארץ
ווי אַ יונג צווישן קאָרן —
און מיט איר אַ יונג אַ צאבער
מיט צוויי אויגן ווי אַ כאבער!

העי! ווער פּאַסט דאָ
איצט תעניתים? !
אויסגעטאָן די טליתים,
אין די הענט — אַ האַמער
און אַ העקל,
אָנגעטאָן זאָל מיר ווערן
אַ זעלנערישער רעקל!

אַרויס צום כביש!
אַרויס צום באַרג!

און אַ נאַכט
איז דאָס געווען,
אי צום שרייבן
אי צום לעזן —

און געגאַנגען
זיינען שורות;
שורות לאַנגע
מיט כלי־זין!

ווער מיט האַמער,
ווער מיט רידל,
אַלע פעלדער
צו פאַרזייען —

און ווען ס׳האָט זייער שפּאָן
צו שמשונס צרעה צוגעטרעטן;
האָט זיך שמשון הגבור
אַליין אין מחנה איינגעבעטן —

ער וויל העלפן,
ער וויל בויען,
ס׳שטייט אַ וועג
אין וועלק אין גרויען —

קעמלען רייטן,
קעמלען קומען אַנגעריטן,
זייערע הארבעס
האָבן שטילקייט אויפגעשניטן —

און אין איינעם
פון פאַרנאַכטן;
אין די גאַסן
די פאַרשמאַכטע
פון ירושלים —

האָט אַ קול גענומען רופן:
קמח! מים!
מלח! קמח!
קמח! מלח!

און דער ירדן
און דער כנרת
זיינען גלייך
געוואָרן מעוברת —
ביידע פולע
זילבערדיקן שיין!
און אַ שמייכלדיקע
קומט לבנה אין געסט
צו זיי צו גיין!

און זי זאָגט זיי
אויך אַ בשורה:
ס'איז געקומען
ברויט און מים
פאַר דער שטאָט
ירושלים!

די וואס האבן דערלייזט ירושלים

אויפן טורם
זיצט אַ קרא
זיצט אַ קרא
און וויינט.

פאַרוואָס וויינסטו
קראעשי —
פאַרוואָס וויינסטו
היינט ?

פאַרוואָס קלאָגסטו
קראָעשי,
אויפן טורעם אויבן —
פון די טרערן
דיינע דאָ,
וויינען מיינע שויבן — — —

און זי ענטפערט,
ענטפערט מיר
מיט אַ וויינענדיקן
ניגון.

קראָ, קראָאָ, קראָ
קראָ, קראָאָ, קראָ
כ'וואָלט העכער
נאָך געשריגן !

קראָעשי, אָ
קראָעלעב,
איך שענק
דיר זיבן
קוואלן.
גיי ניט
פון דעם טארעם
ווייַן פאַר די
וואָס פאַלן —

קראָעשי,
קראָעשי,
איך שענק
דיר דעם
שמים!
ווייַן פאַר
אַלע און פאַר
די —
וואָס געפאַלן
זייַנען פאַר
ירושלים —

מאה שערים

הונדערט טויערן.
אין מאה שערים ריידן שילדן
פון קליינע הייזקעס אַראָפּ;
מיט לשון קודש — —

און יידן פרומע טראָגן דעם טאָג
ווי דאָס וואָרט פון גאָט
אויף זייערע פּנימער — —

לויפט פאַרביי די מאַמע שרה
מיט אַ קענדעלע מילך
פאַר אָרעמע קינדער —

לאָזט עס שטיין פאַר אַ טיר
און אנטרינט אין די די מרת המכפלה — —

קומט איר אַקעגן אברהם אבינו
אויף אַן איזעלע אַ קליינס
ער פירט אין שטאָט אַריין אַביסל גרינס — —

אברהם אבינו האָט אַ ווייסע באָרד
און מוטנע גוטע אויגן —
און אין זיינע הענט, דאָס רחבות פון לאַנד —

און אין אַ שולכל אַ קליינס
וואָס איז פאַרביק וו'אַ תימניש געוואַנט
ווי אויסגעצייט מיט אַן אָרנאַמענט
ווייַנט אַ קול אויף חרובע שטעט
און ס'שוועבן הענט אין אַ געבעט —

און דער כותל מערבי
פון ווייט
פון צעטעלעך פאַרשנייט —
ווי אַ בריוו־טרעגער אין וועג
שטייט מיט זיין פאַרמעג — —

ווען ירושלים די שטאט גייט שלאָפן

אויף די קני פון דעם טונקעלן אָוונט
שלאָפט ירושלים איין —
און שטיינער וואָס האָבן נאָך אדמ׳ן מיט
חוה׳ן געטראָגן
האָרכן און שאָרכן אַ ליד —

לייגן די בערג אונטער זייערע הענט
און מאַכן אַ ווייך געלעגער
דער פאַרחלומטער שטאָט

און אין שאָטן פון קליינע הייזער
גייען אַרויס צוויי שטערן
ווי קליינע קינדער פירן זיי זיך
פאַר די הענט —
קוקן זיך אַרום
סע גייען די שאָטנס פון בוימער
אויף די נעגל — —

שאַ שטיל —
שאַ שטיל —

די באלאדע פון דריי חברונער ווייבער

דער אלול פרימאָרגן אין הארבסטיקן קלייד
ליגט אויף חברונער וועגן צעשפרייט —
סע גייען דריי ווייבער קיין ירושלים — —

שוואַרץ זייערע קליידער און שוואַרצע די שיך,
שוואַרצע די שאַלן און שוואַרצע די קעפּ;
ווי דריי שוואַרצע קראָען פאַלן זיי אַנידער
צו די קברים פון חבא׳דער ברודער — —

זאָגט איינע מיט אויגן געריבצלטע וו׳א היין
די מענטשלעכע לייד, אַ טונקעלע ברין,
זאָגט די צווייטע וו׳אַ קראָ אַזוי דין —
וואָס זיינען מיר אַקעגן דער קליינסטער שפין? — —

נאָר די דריטע, די וואָס וו׳אַ שאָטן דין —
זי רעדט ניט, זיפצט ניט, נאָר שווייגט:
פון איר בליק, די ערד ליגט צעוויקט — —

איר האָט מען פינף קינדער אין אַ פרילינג נאַכט
אומגעבראַכט — —
נו— האָט זי זיי פאַר גאָט געגעבן
געבליבן פאַר אָפענע טירן פון וועלט — —

ירושלימער פעלדער ליגן מיט ערדערנע פּנימער צעהעלט—
דער אלול־אוונט טונקלט אין הארבסטיקן קלייד
די שאָטנס פון דריי ווייבער ווייסלען זיך ווי קרייד —
סע שלינגט דער אָוונט דריי ווייבער און פאַרשווינדט —
אַ לבנה אַזאַ גרויסע האלט זיי ביי די הענט — —

חנה מיט די זיבן זין

ניט אין רוים ביים קייסער
איז חנה איצט געווען,
נאָך אירע זיבן זין
וויינט אַ ווייסער שטיין —

וויינט אַ ווייסער שטיין
ביים הר־הרצל׳ס טויער
זי שטייט אַ צעבראָכן קריגל
מיט אַן אָפּגעבראָכן אויער — —

ווייסע האָר האָט חנה
צעפּאַטלטע אין ווינט;
יעדעס קינד אַן אוצר
אויסגעטראָגן אויף די הענט — —

טופּן נאָך די שטיוול
גייען פון דער ווייט;
זי האָרכט עס קומען טריט
און אַ מיליטער־פּלייט.

אפשר קומען זיי צוגיין
נאָך דעם זיג דעם גרויסן? —
נאָר נאָך אירע זיבן זין
געשטעלט אַ שטיין אַ ווייסן —

חנה זיצט ביים פענסטער
און וואַרט אויף שטיוול־טריט —
געבראַכט האָט איר אַ פרעמדער
אַ היטל אַ פאַרפלעקטס מיט בלוט —

שטייט אַ בוים אין דרויסן
און רעדט מיט בלעטער שטיל,
און די בלעטער פֿאַלן,
ביי חנה׳ן אויפֿן דיל — —
אָפֿן איז דאָס פֿענסטער
און אָפֿן איז די וווּנד,
אפֿשר וועט נאָך קומען
דאָס יונגסטע, יונגסטע קינד — —

א מאמע

זי באהאלט א שוך פון געפאלענעם זון

אַ שיך, אַ ברוינער שיך,
שטייט אויפֿן פענסטער אין קיך, —

פֿאַרוואָס שטייט דען
דער שיך אויפֿן פענסטער ?
ווייל איר געפֿאַלענער זון
איז געווען ביי זיין מאַמען
דער שענסטער — —

אין דער קיך,
ווו זי קאָכט דאָס עסן,
שטייט דער שיך —
זי זאָל אים ניט פֿאַרגעסן — —
אין דערפֿרי
האַלט זי די שיך אויף די קני — —

אַ מאַמע, אַ מאַמע,
ווייס דאָך מסתמא
פֿאַרוואָס דער שיך
שטייט אויפֿן פענסטער אין קיך —

אַ מאַמע, אַ מאַמע,
ווייסט דאָך מסתמא — —

זי לאַטעט דאָס העמד דעם געפאַלענעם זונ׳ס

געפאַלן איז איר זון
אין שער־הגיא —
מיט נאָך קרובים צוויי,
שטייט פאַר איר
אַ פּושקעלע פון מעש ;
זי לאַטעט איר קינדס
אַלטע וועש.

אַלץ איז איר פרעמד.
נאָר דאָ ליגט צעשפּרייט
איר קינדס העמד.

שטעכט זי מיט דער נאָדל
אין די לאַטע :
געראָטן איז ער
געוועזן אין טאַטן —

די ארבל ליגן אויסגעריבן, —
פון טעשל פאַלט אַרויס
אַ בריוול ניט דערשריבן — —

סע לעבט, סע לעבט
דאָס פערלמוטער קנעפּל
די שפּילקע מיטן זילבער קעפּל . . .

זיין מאַנדלבוים
צוויטעט נאָך אויס
אַ קינדערישן טרוים — —

פליט אַ פויגל אַזאַ שיינעם פלי, —
פאַלט אַ פעדערל, אויף אירע קני —

שטייט פאַר איר דאָס פושקעלע פון מעש,
זי לאַטעט איר קינדס אַלטע וועש.

דאס רעקל פארשענקט

טראָגט דער ווינט
אַ רעקל
פון אַ שטריקל
וואָס באָמבלט
זיך אין ווינט ;
פון אַ געפאַלן
מלחמה־קינד — —

און די מאַמע
אויף אַ שוועל
טראָגט בורשטין־קרעל

טראָגט בורשטין־קרעל
און טרויערט
אויף איר קינד — —

לופטערט זיך
דאָס רעקל
אויפן שטריקל —

און פון
טרויעריקן
בענקן
וויל זי דאָס
רעקל פאַרשענקן — —

זאָל עס מיטנעמען
דער ווינט —

גייט אין אָוונטן
אַ רעקל מיטן ווינט
פון אַ געפאַלן
מלחמה קינד — —

צו אַן אַלטן ירושלימער שטיין

איך גיי אויף דיר, שטיין
אויף דיין שלאָפנדיקן קאָפּ —
כ'וויל אויף דיר פֿאַלן
ווי אַ רעגנדיקער טראָפּ —

כ'וויל אויף דיר גליען
אַ שטראַלעכל אַ קליינס
און קאָנען קאָנען רוען
ווי אַ קינד — אַ שטיינדל
דיינס —
אין אָוונטן אין שפּעטע
ווען ס'שלאָפן שאָטנס אויסגעשפּרייטע
און ס'גייט מיין אומעט
אין מדבּרדיקן שוויַיגעניש אַריין —

שטעלט ער זיך ביי דיין צוקאָפּנס
און שאָקלט זיך ווי אַ בוים אין ווינט —
דאָמלס זע איך ווי מיין איינזאַמקייט
איז בולט
און ווי ס'פֿאַלט מיין ליד
אויף דיינע שטייניש־ווייסע הענט — —

א לוסטיקע קורדישע חתונה

ס׳איז אַ ניסן אָונט,
סע שמעקט מיט יונגן היי,
די לבנה גייט שפּאַצירן
אין אַ קורדישער אליי —

אַ הויף אַ גרויסער ברייטער
מיט צעבליטע עפּל־צוויטן;
ברויטן און מעראַנצן
די כלה אינדערמיטן!

די כלה אַ קורדישע מיידל
אין אַ געהאַפּטן סאַמעטן קליידל —
זי שטאַמלט און איז זיס,
זי האָט צוויי געטאָקטע קליינע פיס —

די לבנה זעצט זיך דאַנעבן,
זי איז מקנא די כלה כ׳לעבן!

דער חתן איז ווי פון בראָנז
אַ מצריש פּנים ווי אַ גאָט!
דער מחותן פון דעם חתן
שכור איז ווי לוט!

ביידע מאַכעטענסטעס
ווי נעמי און ווי רות;
צעשמאָלצענע פון נחת
טיילן ווייַן מיט ברויט!

אַ שפּע איז דאָ פון פאַרבן,
די קליידער פון אָריענט,
מען בינדט צונויף דעם זיווג
מיט חתן־כלה־הענט — —

ס'איז אַ ניסן אָוונט,
סע שמעקט מיט יונגן היי —
די לבנה גייט שפּאַצירן
אין אַ קורדישער אַליי — —

א טרויעריקע תימנישע חתונה

ווער האָט די צימבעלעך
די צימבעלעך דערוואָרגן?
זיי האָבן ערשט געצימבלט
אין הארבסטיקן פרימאָרגן.

זיי האָבן ערשט די פייקלעך
געצישעט און געסטארקעט,
ס'האָט אַ טויב אַ ווייסע
אויפן פלויט געוואָרקעט.

ס'האָט אַ האָן אַ געלער
געקרייעט אויף די שפּענער,
גערופן אויף טריוואָגע
די ברודער זיינע הענער —

און תימנישע פרויען
מיט ווייס־געשטריקטע טיכער
האָבן זיך געפּאָרעט
אַלץ שנעלער און אַלץ גיכער —

די כלה איז געזעסן
אַ ווייסע אין איר ברוין;
איר קאָפּ פּאַרקעמט אין צעפּלעך
מיט אַ שלייער און אַ קרוין —

די כלה, קוקט אויף אירע ווייסע שיך
די מאנדל־אויגן אירע, זעען דעם חתן
מיטן פליך — —

מען האָט געבראַכט אַ קעלבל
אַ ברוינס אויף דער עקידה . . .
און קיינער האָט געטראַכט
אויף דער גורלדיקער אבידה — —

דער אַלטער כשוף־מאַכער
וואָס געקומען פון טערקיי ;
זינגט אַן אַראַביש ליד
וועגן דער ליבע און וויי —

צוויי תימנישע קינדער
מיט אַ רויטן קראַנץ,
טאַנצן פאַר דער כלה
דעם לעצטן מיידל־טאַנץ —

דערנאָך האָט מען דעם חתן
דעם זיבציק יעריקן געבראַכט,
אַן אַלטער, אַן איינגעבוקטער
אַ שוואַרצער ווי די נאכט —

ווער האָט די צימבעלעך
די צימבעלעך, דערוואָרגן ?
זיי האָבן אקארשט געצימבלט
אין הארבסטיקן פרימאָרגן — —

שבעה־לידער

(פאר די טאטשקע פון אשוויענצים)

א צייכנונג פון מיין היים אין פוילן

אונזער הויז, האָט אַ רויטן דאַך
מיט אַ קוימען פון ציגל ;
אַ גאָרטן מיט אַ קאשטן בוים
מיין לאלקע אין אַ וויגל —

דער קאשטאַן בוים
האָט גרינע האָר ;
און אויך לאַנגע ברעמען —
וואָס טוט דער קאשטאַן בוים אַצינד —
ווער וועט אים איצט נעמען ? — — —

אין שטוב ביי דער מאַמען
הענגען האנטעכער געשטיקטע
מיט רויטע מאנאגראמען — — —

אַ טיש אַ גרויסער
שטייט געדעקט ;
די מאַמע גלעט מיך
אויפן קעפל —
מיין שוועסטער
ברענגט אַריין
אַ טאַץ
מיט גרויסע
ווינטער־עפל — — —

די מאַמע איז אַ שיינע פרוי
איר סאמעט קלייד, איז טונקל
בלוי —

איר מויל — איז ווי אַ שוואַלבן
האַרץ —
מיין שוועסטערס קאָפּ
איז טונקל שוואַרץ.
און ברודערלעך האָב איך דריי
ווייסע העמדלעך טראָגן זיי —

און מיין טאַטע,
טראָגט אַ געהאקטע קאַפּאטע!

טערנושקע־שפּיל
(ערשטע וואַריאַנטע)

לייג אויס
די גרויסע
טאַוול
די שערבלעך
און די צאָלן;
זיך ניט ווי אַן
אַבל
אין די טונקעלע
שפּאַקולן — —

זיך ניט ביי
דער טאַוול
ווי אַן אבל —

סע קומט
אַ ווינט
אַ שטומער;
ס'איז סוף
זומער — —
מירן שפּילן
שטיל.
די צאָל
רופט אויס
די גריל —

די גריל
רופט אויס
די צאָל —

הויבט זי אָן
פון זיבן :

— האָסטו גוט
געקליבן ?

אַכט
אַכט
אַכט !
ווער איז
אויפגעוואַכט ? !
מיין
איינאונאיינציק
שוועסטער —

מיט טויטע
שטאַרע פינגער,
מיט בלויע
טויטע ליפּן —
אַכט
אַכט
אַכט !
דיינע ליפּן
כ'הער זיי
כליפּן —
ווײנזשע אַכט
אין האַלבער
נאַכט.

וויין אויף
מיין שוועסטער —
זאָגט מאַמע :
— איז זי
דאָ ?

זיינען אַלע
דאָ —
אויך די ניינטע
שעה? —
„כ׳בין דאָ!“
זאָגט די
ניינטע שעה.
וואָס איז

מיט דער
צען?

די צען
איז דאָ
געווען —

די עלף
אַ פאַרשלאָפענע
אַ צעפּאַטלטע,
בוקט זיך
פאַר מיין
מאַמעס טויטע
שיך — —

עלף!
קום און
העלף
די צוועלפטע
שעה, די צאָל
זיך זעצן
אויף מיין
מאַמעס שטאָל — —

די צווועלפטע
שעה האָט
אויסגעשלאָגן
מען דאַרף
די טויטע קינדער
צוואָגן —

מען זאָל זיי
אין די העמדלעך
לייגן —
סע שאָקלען מיט
די קעפּ
אין סאד די
צווייגן —

טערנושקע־שפּיל (2)

הויכע
הויכע
ווייצן —
רופט איצט
אויס די
דרייצן!

ווו איז
ס'שוואַרצע פערד
מיט לייצן?!

רוקט אויס
די פיר עקן
די צאָל
פירצן
זאָל זיך מער
ניט שרעקן —

מיין קינדער־הימל
וויגט זיך
אַ שיף מיט ווייסע
זעגל,
אַ קוימען אַזאַ רויטער
מיט רויטע, רויטע
ציגל —

די פּופּצן
אויפן קוימען
ווי אַ קוימען־קערער . . .
אונטן אַזאַ חלל
אַ חלל אַזאַ לערער — —

* * *

לייג אויס
די גרויסע
טאָוול,
די שערבלעך
און די צאָלן
זיך ניט ווי
אַן אבל
אין די טונקעלע
שפּאַקולן —

א סענק פון א בוים זאגט קדיש נאך מיין שוועסטער

דער פוילישער הארבסט ליגט צופיסנס
די אויצאווער וועלדער;
אַנגעטון אין מלך לאקיעטעקס פאַרזשאווערטע קרוין,
די לעצטע מאלינעס, ריידן מיט בלוטיקע בלעטער,
ריידן אַ טרויער, מיט האַרבסטיקן וויין — —

שרייט אַ קאקאווע פון וועלדער, באַהאַלטן,
און בוימער רוישן מיט איינזאַמען שארך —

דעם הימל וועט אַ דונער איצט שפּאַלטן
און אַ ווינדמיל וועט פּאַטשן מיט פליגל דעם פארכט — —

אַ וויעזשבע מיט צעפלאָשעטע האָר
וואָס וואַקסט אין דער קרום שוין
צענדליקע יאָר,
וועט אַריינקוקן אין איינזאַמען טייך
און וועט מיינען, דאָס זי וואַקסט אַריין
אין טייכישן שפּיגל — —

נאָר פּלוצים וועט אַן אלשינע־בוים
אָפּדעקן זיין וייס באַשמירטן קאלעך־פּיס
און וועט ווייזן אַ ברוינעם סענק
ווי אַ טויטנס אויג — —
און דער סענק וועט אויסזען ווי פאַרקלערט —
דאָס וועט ער אַ קדיש זאָגן און אַ תפלה —
וועט דער ווינט אמן זאָגן, פאַר מיין שוועסטער
און פאַר דער גאַנצער
טויטער קהלה — —

מיין שוועסטערס קינדער

מיינע פענסטער זיינען נאָך געשלאָסן
ס׳האָט אויף זיי זיך אַ ליכט אַרויפגעגאָסן —

אַרויפגעגאָסן האָט דאָס ליכט זיך דורך די שפּאַלטן
פאַרבאָרגן זיינען זייערע שאָטנס הינטער אונזער באַלטן —

קומען זיי ניט געזעענע, און בוקן זיך און בוקן
ניט געגזעענע בעטן זיי, כ׳זאָל אַ ליד אָפּדרוקן —

כ׳זאָל אַ ליד זיי מקדיש זיין, אַ ליד פאַר זייערע דורות —
צווי יריעות נאַקעטע, צווי געשענדטע ספר־תורות — —

און ס׳וויינט אין ווינקל ביי מיין טיר,
דער יידיש שווערער גורל;
מוישל מיט די צוואַנציק יאָר
און זי זיין שוועסטער דבורל.

און ס׳וויינט אין ווינקל ביי מיין טיר,
מיין שוועסטער, זי די אומגעבראַכטע מאַמע —

ווי מעג מען שרייבן לידער איצט —
לידער נאָך מיט אויסגעטראַכטע גראַמען! — —

שמואל, מיין שוועסטערס מאן

ער קומט אין כסלו נעכט
אין די הענט צוויי שטערן,

ער פלעמלט נאָך מיט זיינס אַ וואָרט
נאָר זיין קאָפּ איז פול מיט ווינדן —

ער האָט דעם שטערן אויף מיין טיש
איצט פריש אויפסניי געצונדן —

„ס׳איז די קנויט, קיין קנויט געוועזן״
שמייכלען זיינע ליפּן —
דער בארנע בוים, ער בענקט, בענקט
ער הערט ניט אויף צו כליפּן — —

דעם באַרנע בוים טיף געזעצט
געלאָזט אים, זאָל ער בליען —
ער כאַפּט אַ קוק, צום גאָרטן צו
און טוט אין הימל פליען — —

קריעה

כ׳וויל ניט שרייבן
איצטער לידער
מיט אַ גראַם,
שפּרייט מיר אויס
די סטרונעס
אויפן ים —

באָרג מיר קלעזמער
דעם באַס אָן סמיק,
כ׳וויל מיך זעצן
מיט מיין טויטן ברודער
אויף די בריק —

באָרג מיר קלעזמער
דעם באַס אָן סמיק —

זאָגסט: ניין!
כ׳בין ניט טויט
ס׳זאָגט עדות
די לבנה
און דעם בעקערס
גרויסער לאַבן ברויט —

דיינע דרייסיק יאָרן
ליגן מיט די סטרונעס
אויפן ים —
ס׳איז דער באַס שוין דאָ!

בוווווווו—או —
בוווווווו—או —

שמייכלסט מיט די
ווייסע ציין.
מיט די גרינע־
אגרעסט־אויגן
זאָגסטו ניין!
כ׳בין ניט טויט — —

בוווו־או
בוווו־או

מיינע טויטע חברטעס

די פינצטערניש האָט אויסגעטאָן די שוואַרצע ברילן,
אַראָפּגעוואָרפן די גרויסע שוואַרצע פּלאַכטעס
פון אירע איינגעבויקטע פּלייצעס
און ס׳האָבן זיך אַרויסגעשיילט
פּנימער — אַזוי באַקאַנטע פּנימער —
און מיינע קינדער־יאָרן
זיינען אויף אַ שליטן
פאַר אונזער הויז פאָרפאָרן —
אַ שליטן מיט אַן אַלטן פויער . . .
ער האָט די פערד איצט אָנגעפּאַיעט —
און בלאָזט זיך נאָך אין די הענט . . .

האָט דער שליטן אַ זינג געטאָן
מיט געקאָוועטע רינגען,
מיט מעשענע גלעקער —
און אין שליטן האָבן איינגעשטיגן
מיינע טויטע חברטעס,
און איך אין מיטן . . .

נאָר דער פויער זיצט געליימט
די לייצעס אין די הענט
און ער פאָרט ניט ווייטער —
זיינען זיינע פיס געבונדן
און דער פעלץ פאַרפרוירן ? —
— נו ! —
פאָרזשע, פאָרזשע, מאַציעי !
ס׳איז דער וועג אַ ווייטער,
ס׳פלעמלט פון אַ פענצטער
אַן אויוון אַ צעגליטער ;

אַ ליפּע האָלץ טליעט אין פאַרגיין —
נאָר די פערד זיי שטייען,
גייען ניט פון דאַנען;
מיינע חברטעס — די בלייכע,
ווייסע אומעטיקע שוואנען —
זיצן, זיצן זאלבעאַכט
— אין דער בלויער ווינטער־נאַכט
זיצן, זיצן ווי אין טייך דער אומעט . . .
נו! —
פאָרזשע, מאציעי, פאָר!
פאַרטרינק מיט אַ גאזשאלע!
מאציעי זיצט פאַרשטיינערט, ווי מיר אַלע,
די פערד — זיי וואַרטן, וואַרטן,
די פערד די שוואַרצע גרויסע;
און מיינע חברטעס — זיי זיצן,
טויטע טויבן ווייסע . . .

די פינצטערניש האָט אויסגעטאָן די שוואַרצע ברילן,
אַראָפּגעלאָזט די גרויסע שוואַרצע פלאכטעס
און ס'האָבן זיך אַרויסגעוויקלט
— פנימער — אַזוי באַקאַנטע פנימער —
אַ שליטן איז פאַרפאָרן
פאַר אונזער הויז . . .

מיין ברודער אין געטא

זיינען אָפּגעגאַנגען געלאָדענע
ווי שיפן, ווי קריגס־שיפן
דריי זומערן
אין געטאָ אַריין ;
ווי הויכע קאָרנפעלדער טרויערן
דריי פרילינגען אָנגעוואָקסענע
אויף מיין מאַמעס צער —
וועלן אַריינבליקן,
אין די מויערן — —

פולע רייפע עפל־ביימער,
דריי האַרבסטן — גאָלד — רעגנטן
מיין מאַמעס טרויער־שטאפּעטן —
דאַרפן זיך אָהינקייקלען — —

אירע ווייסע שיפן,
ווינטער־נעכט דערשראָקענע,
וועלן זיך אָנצינדן ווי
גרויסע לאַמטערן
צו מיין ברודערס
אגרעסט־אויגן — —

זיי וועלן אַלע אָנקומען,
מיין מאַמעס קריגס־שיפן . .
מיט אירע טרויער־לאַמטערן — —

מיין מאַמעס ווייסע שיפן
ווינטער־נעכט דערשראָקענע ;
מיין מאַמע האָט זיי אָנגעצונדן
צו איר זונס אגרעסט־אויגן — —

ירושלים 1941

באלאדע פון מיין טויטן זיידן וואס כ׳האב קיינמאל ניט געזען

אַ לאַנגער דינער שאָטן, ווי׳אַ דינער בוים
הענגט אויף מאַמעס מאַנדלען־אויגנס־ברעם;
די מאַמע האָט די אויגן אויפגעעפנט ברייט,
און זעט איר טויטן טאַטן קומען פון דער ווייט — —

ער איז ווי דער פעטער שאַבסע
אַ שלאַנקער שוואַרצער ייד;
ר׳איז נאָר וואָס געקומען
פון פינצ׳עווער יאַריד — —

ער איז נאָר וואָס געקומען
אין סויבל פעלץ געהילט;
אין סויבל פעלץ געהילט,
די הינט פון אונזער שכן
האָבן עס דערפילט — —

„זעץ דיך", זאָגט די מאַמע,
„מיין ליבסטער ליבער גאַסט;;
מעבר־לים געקומען
אין קנאַקעדיקער פראָסט" —

„זעץ דיך", בעט די מאַמע:
„ס׳איז לאַנג אַזאַ ווינטער ניט געווען —"
און ס׳איז איר קול אַ גאמע
פון קינדעריש געוויין — —

„כ׳זיך שוין״, זאָגט דער שאָטן
און ר׳איז ווייס, ווי ווייסער צווים,
ס׳וועט באַלד דער פאַרנאַל קומען —
און כ׳נעם דעם פראָסט אויך מיט״ — —

מאַמעס אויגן זעען אַ וויַיטן לאַנגן וועג,
ס׳זיינען אירע ווימפּער מיט גאָלד געזוימטן ברעג;
ס׳זיינען אירע קליידער פאַרגאָסענע אין זון
דער סויבל פּעלץ פון זיידן שימערן דערפון — —

און ס׳האָט דער שיינער זיידע
זיין טאָכטערשי געגלעט,
געגלעט איר וויַיכן טרויער
געגלעט און שטיל גערעדט —

און אָוונט איז געוואָרן פון זייערע שטימע רייד,
דער סויבל פּעלץ דער געלער, איז ווייסער נאָך
פון קרייד —
דער סויבל פּעלץ פון זיידן, אַן אַלט היימישע קאַץ,
און זיין באָרד, זי זילבערט פאַרנאָרעט אין דער לאַץ — —

ס׳האָבן מאַמעס הענט געהאַלטן זיינע הענט,
דאָס אָוונט ליכט אין פענסטער האָט שטאַרקער
נאָך געברענט —
דאָס אָוונט ליכט אין פענסטער געוואָרן
איז זער בלוי —
מיין מאַמע איז געזעסן אַן אַלטיטשקע
אין שניי — —